יז. און כאמור "במדה שאדם מודד בה מודדין לו",

און פון גאולת הפרט, דער פדה בשלום פון דער פרט, ווי עס שטייט אין אגה"ק[66] קומט מען צו גאולת הכלל,

און ס'איז דא אלע ענינים כפשוטם - גאולה כפשוטה, תפלה כפשוטה, תורה כפשוטה, מצוות כפשוטן,

און ס'איז פועל אין כל ההשתלשלות שלו, אין זיין דיבור, מחשבה, מדות, שכל, רצון און תענוג,

און דורך איין פעולה אדער איין דיבור אדער איין מחשבה איז ער מכריע "עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות"[67],

און דאס קומט אראפ למטה, אז דאס טוט אויף אין דעם עולם, און עס ווערט "לתקן עולם במלכות שדי"[68],

בקרוב ממש.

* * *

יט. שבת מברכים אב איז אלעמאל בשבת און אלעמאל אין חודש תמוז, און אלעמאל אין סוף חודש תמוז; עס קען אבער זיין בכמה ימים בימי החודש,

און בשעת עס קומט אן צו א אידן די ידיעה פון דער קביעות בימי החודש - איז זיכער דא אין דעם א הוראה פאר אים, דוארום אנדערש וואלט מען נים געמאכט אז עס זאל צו אים אנקומען די ידיעה,

וכתורת הבעש"ט[69], אז פון יעדער ענין וואס א איד הערט אדער זעט, דארף ער ארויסנעמען א הוראה בעבודת השם.

ועאכו"כ בשעת דאס איז א זאך וואס אלע אידן זען - איז דא אין דעם א הוראה כללית פאר אלע אידן בשוה.

כ. די הוראה וואס מ'לערנט ארוים פון דעם טאג ווען שבת מברכים מנחם אב איז חל בימי החודש - גיט צו א הוספה אין דער ברכה וואס מ'איז מברך דעם חודש, אז עס זאל זיין די "ישועה" און "נחמה",

און ס'איז נים דער פשט אז די נחמה זאל קומען ערשט בר"ח מנחם אב - נאר ע"ד ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר איז מפרש[70] וואס מ'זאגט באם סדר "לשנה הבאה בירושלים", אז "לשנה הבאה"

- נים -

---

66) ס"ד. 67) רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד. 68) נוסח "ועל כן נקוה לך". 69) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סי' קכז-קכט. וש"נ. 70) סה"ש תש"ה ע' 83. הובא בלקו"ש ח"ב ע' 543. הגדה של פסח עם לקוטי טעמים עם מנהגים וביאורים ע' שע.



הנחת הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 240) 116115 הודפס מאוצר החכמה

איז ניט דער פשט אז דאס זאל קומען ערשט איבער א יאר, נאר דער פשט דערפון איז – אז משיח זאל קומען גלייך, און מ'זאל גלייך גיין אין ירושלים, וועט מען"לשנה הבאה" זיין אין ירושלים,

ועד"ז איז אין דעם ענין פון דער נחמה. וואס מ'טוט אויף – אז דאס דארף זיין גלייך,

אז עס זאל זיך גלייך אויפטאן אז ס'זאל זיין דער "אודך ה' כי אנפת בי", וועט דאס במילא שוין זיין בר"ח מנחם אב.

וכמדובר כמ"פ, אז די הוראה וואס מ'האט פון א קביעות מיוחדת, איז די הוראה ניט נאר אויף דעם יאר ווען ס'איז אט-די קביעות נאר אויף כל השנים, ס'איז מערניט וואס דעמולט שטייט דאס בהדגשה ובגלוי.

כ. בשנה זו איז שבת מברכים החודש אב חל – ביום כג תמוז.

בשעת מ'זוכט מיט וואס דער טאג פון כג תמוז איז אויסגעטיילט – געפינט מען, אז אין דעם טאג איז דער יארצייט פון דעם רמ"ק, ר' משה קארדאווירו[71], דער מחבר פון כמה ספרים, דער פרדס, ספר אילימה, און אור יקר אויפן זהר, ועוד, וואס זיי ברענגען זיך אין חסידות, אנהויבנדיק פון חסידות פון דעם אלטן רבי'ן ביז נשיא דורנו,

און ער האט אויך געהאט א שייכות מיטן אריז"ל, ווי עס שטייט אין חסידות (כמדובר אמאל[72]) אז ביידע, דער רמ"ק און דער אריז"ל זאגן די זעלבע זאך, נאר דער רמ"ק רעדט אין תוהו און דער אריז"ל רעדט אין תיקון; ד.ה. ביידע רעדן אין תיקון, ביידע זיינען א חלק אין תורה – נאר דער רמ"ק רעדט אין תוהו שבתיקון און דער אריז"ל אין תיקון שבתיקון,

אונז איז מער נוגע די שייכות שביניהם, וואס דאס זעט מען אויך דערפון וואס דער אריז"ל האט מספיד געווען דעם רמ"ק בשעת דער רמ"ק איז נסתלק געווארן בכ"ג תמוז. און היות אז במקום שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא[73] (וואס בשעת מ'רעדט איז דאך אויך דא מחשבה און די מעלה פון מחשבה) – קומט אויס אז בשעת דער אריז"ל האט מספיד געווען דעם רמ"ק איז שם הוא נמצא, אין ענינו פון דעם רמ"ק.

כא. דער הספד וואס דער אריז"ל האט געזאגט אויפן רמ"ק נאך

- הסתלקותו -

---

71) ראה שם הגדולים להחיד"א בערכו ובהערה קכח שם.
72) ש"פ שמיני, ש.ז. 73) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סי' לח. וש"נ.

הנחה הת' בלתי מוגה



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 241) 116115 הודפס מאוצר החכמה

הסתלקותו ביום כ"ג תמוז איז געווען[74] אז אויף דעם רמ"ק גייט דאס וואס עס שטייט אין פסוק[75] "וכי יהי' באיש חטא משפט מות גו' ותלית אותו על עץ"

און האט אזוי געטייטשט דעם פסוק:

"וכי יהי' באיש חטא", אז מען זעט אז עס פעלט כל מציאותו פון דעם "איש", פון דעם רמ"ק, וואדום ס'איז געווען "משפט מות", די הסתלקות והילולא שלו - האט דער אריז"ל געזאגט, אז ביי אים איז ניט געווען קיין ענין פון "חטא" מלשון חסרון - איז לכאורה היתכן אז ביי אים זאל זיין "משפט מות", איז "ותלית אותו על עץ", די גאנצע מציאות ווי דאס האט געקענט טרעפן איז צוליב דעם "עץ", צוליב דעם עץ הדעת.

וע"ר ווי די גמרא[76] זאגט אז "ד' מתו בעטיו של נחש", וואס דאס מיינט, אז די מציאות פון מיתה איז געקומען דורכן נחש - זיינען אבער דא אזעלכע וואס ביי זיי קומען צו נאך זאכן וואס זיינען גורם דעם ענין, משא"כ בא די, איז די גאנצע מציאות ווי אזוי ס'איז געווען דער ענין איז מערבים ווי "בעטיו של נחש"[77],

וואס עד"ז איז דאס אויך באם רמ"ק, אז די גאנצע מציאות וואס האט מיט אים געטראפן איז - "ותלית אותו על עץ", תלוי נאר אין דעם עץ הדעת.

כב. מען דארף אין דעם אבער פארשטיין:

א) יעדער ענין אין תורה איז דאך בדיוק - פארוואס האט דער אריז"ל משנה געווען פון דעם לשון הגמרא און אויסגעקליבן דעם פסוק "ותלית אותו על <u>עץ</u>", דעם ענין פון <u>עץ הדעת</u>, בשעת ווען די גמרא וויל זאגן דעם זעלבן ענין, אז עס זיינען געווען ד' וואס האבן ניט געהאט קיין אנדער צוגעקומענעם ענין וואס זאל גורם זיין מיתה, זאגט די גמרא אז "מתו בעטיו של <u>נחש</u>",

ב) דער גרעסטער דיוק והעיקר : דער ענין ההספד פון דעם אריז"ל איז געווארן בא יעדן אידן א חלק פון תושבע"פ, וואס "תורה" איז מלשון הוראה[78] - וואס קען יעדער איד, וואס איז ניט אין דער דרגא פון דעם אריז"ל און ניט אין דער דרגא פון רמ"ק, ארויסנעמען דערפון א הוראה?

ואע"פ אז מיהו זה ואיזהו אשר ערב לבו לגשת צו סאן אן -עבודה-

---

74) הובא בנחל קדומים עה"פ תצא כא, כב. וראה גם של"ה רס, ב (נעתק בלקו"ש ח"ז ע' 167 הערה 38. וראה לקו"ש חט"ז ע' 422). 75) תצא שם. 76) שבת נה, ב. ב"ב יז, א. 77) ראה תו"א ס"פ משפטים (עט, ג ואילך). 78) לשון התניא - פמ"ד (סג, א).

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 242) 116115 הודפס מאוצר החכמה

עבודה וואס איז שייך צו דעם אריז"ל וכו׳ - איז דאך דאס אבער, כאמור, א חלק פון תושבע"פ, און ס׳איז אפגעדרוקט געווארן לדורי דורות[79] און נתפרסם געווארן,

ובפרט אז ס׳איז שוין נאך דעם וואס ס׳איז געקומען די צייט וועגן "מצוה לגלות זאת החכמה[80]", און נאכמער: ס׳איז שוין נאך דער צייט וועגן עס האט זיך אנגעהויבן הפצת המעינות חוצה, וואס דער פשט פון הפצת המעינות חוצה איז - ניט אז עס קומט אן א טפה, און ניט אז עס קומט אן א סך וואסער, נאר אז די מעינות גופא קומען אן אין חוצה -

איז פארשטאנדיק אז צו יעדן איז שייך א שמץ מנהו מהשייך לאריז"ל וכו׳.

ובדוגמא ווי ס׳איז בנוגע צו משה רבינו, וואס משה האט געזאגט[81] אז "מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה", און מ׳פרעגט[82] אויף דעם "אטו יראת שמים מילתא זוטרתא היא" און מ׳ענטפערט אז "לגבי משה מילתא זוטרתא היא", און מ׳זאגט אז א שמץ מנהו איז שייך בא יעדן אידן,

און דער טעם לדבר - ווייל אין יעדן אידן איז דא מבחינת משה רבינו[83]

עד"ז איז דאס אויך בעניננו - אז יעדער איד האט א שייכות צו די ענינים פון דעם אריז"ל וכו׳.

און כאטש דאס איז שטענדיק דא בא יעדן אידן - איז אבער דורך דעם וואס דער אריז"ל האט געזאגט די תורה באם הספד איז דאס ארויסגעקומען בגלוי,

וע"ד ווי בא משה רבינו בשייכות מיט דער פרשה "ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך":

לכאורה, וויבאלד אז בא יעדן אידן איז דא בחינת משה רבינו, וואס מצד דעם איז "יראה מילתא זוטרתא היא" - וואס האט משה רבינו געדארפט מאכן א גאנצן שטורעם, זאגן מיטן גאנצן שטורעם "ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך וגו׳"?

נאר דער ביאור אין דעם איז - אז אע"פ וואס בא יעדן אידן איז דא מבחינת משה רבינו, איז דאס נתגלה געווארן דעמולט דורך זיין זאגן "ועתה ישראל וגו׳",

ועד"ז בעניננו, אז יעדער איד האט אין זיך א שייכות צו די ענינים פון דעם אריז"ל כו׳. נאר דורך דעם וואס דער

- אריז"ל -

---

79) ראה לקו"ש ח"ב ע׳ 522. 80) אגה"ק סכ"ו (קמב, ב) בשם האריז"ל. וראה הקדמת הרח"ו לשער ההקדמות (נדפס גם בהוספה לקונטרס עץ החחים). ועוד. 81) עקב י, יב. 82) ברכות לג, סע"ב. 83) תניא פמ"ב (נס, א).



הנחה הת׳ בלתי מוגה

שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 243) 116115 הודפס מאוצר החכמה

אריז"ל האט געזאגט די תורה באם הספד איז דאס נתגלה געווארן

ולאחר כל זה דארף מען פארשטיין נוסף אויף דער ערשטער שאלה פארוואס דער אריז"ל איז משנה פון לשון הגמרא און זאגט "ותלית אותו על עץ און ניט (נאר) ווי דער לשון הגמרא "בעטיו של נחש") וואס איז די הוראה דערפון וואס דער אריז"ל האט געזאגט באם הספד פון רמ"ק פאר כאו"א בעבודתו.

כג. דער ביאור אין דעם - ובהקדים הביאור אין תורת האריז"ל אויף "כי יהי' באיש חטא משפט מות", וואס דאס איז דער ביאור להתוכן פון תורתו:

א איד ווי ער איז מצד עצמו האט ער אין זיך א "חלק אלקה ממעל (און ווי דער אלטער רבי איז מוסיף - ) ממש"[84], און ווי מ'זאגט פאר יעדן פרק פון פרקי אבות אז יעדער איד איז "מעשה ידי להתפאר"[85], אז דער אויבערשטער בארימט זיך מיט יעדן אידן, און יעדעד איד איז מוסיף תפארת, פאר, שיינקייט, למעלה, "מוסיפין כח בגבורה של מעלה"[86] - און מצד עצמו איז א איד בכלל ניט שייך צו ענינים בלתי רצויים,

און דאס איז וואס עס שטייט "כי יהי' באיש חטא משפט מות", אז ביי א אידן איז "חטא", עס פעלט, די מציאות פון "משפט מות", פון ענינים בלתי רצויים,

"משפט מות" גייט אויף אלע ענינים בלתי רצויים, סיי אזעלכע וואס עס קומט אויף זיי "משפט מות" און סיי אזעלכע וואס עס קומט אויף זיי ניט "משפט מות", ווארום בלשון הגמרא[87](א גמרא אין נזקין אין וועלכע מפלפול'ט זיך -) "מה לי קטלא כולה מה לי קטלא פלגא",

און בלשון פון תניא[88] דורך אן עבירה אויף וועלכער מ'איז חייב כרת, איז "נכרת ונפסק חבל ההמשכה משם הוי' ב"ה" - אבער אויך יעדער עבירה שניים אפ איינע פון תרי"ג נימין וואס זיינען מקשר די נשמה -

איז ממ'זעט דאך ביי א אידן אמאל ענינים בלתי רצויים - ולכאורה ווי איז דאס שייך?

אויף דעם זאגט דער פסוק "ותלית אותו על עץ", זיי דאס תולה אן דעם עץ הדעת: דער אויבערשטער האט געמאכט א גן עדן,

- און -

---

84) תניא רפ"ב. 85) ישעי' ס, כא. 86) איכ"ד פ"א, לג. וראה עבוה"ק חלק העבודה פ"ג. אוה"ת נ"ך (כרך א') ע' תדעט ואילך. סה"מ תרכ"ז ע' קל. המשך תער"ב ח"ב ע' תתקיג. סה"מ עזר"ת ע' קצה ואילך. ובכ"מ. 87) ב"ק ס"ה, א. ב"מ צה, רע"א. 88) אגה"ת פ"ה (צה, ב).





שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 244) 116115 הודפס מאוצר החכמה

און דארטן איינגעפלאנצט אלע מיני אילנות פון וועלכע אדם האט געמעגט עסן, און אין מיטן גן האט ער איינגעפלאנצט דעם עץ הדעת[89] - און געזאגט אז מ'זאל דערפון ניט עסן!

און דער נסיון איז געווען נאך גרעסער: דער אויבערשטער האט געמאכט אז דער אדם זאל האבן א שייכות צו דעם עץ הדעת, ווי פארשטאנדיק אז דאס גופא וואס דער אויבערשטער האט אים געזאגט "לא תאכל ממנו"[90] באווייזט אז ער האט א שייכות דערמיט, מעדנים וואס דער אויבערשטער זאגט אים אז זיין שייכות דארף זיין באופן פון "לא תאכל ממנו" -

איז אט-דאס וואס דער אויבערשטער האט צוגעשטעלט דעם אדם דעם עץ הדעת - האט געבראכט א אידן צו טאן ענינים בלתי רצויים, וואס מצד זיין עצם טבע איז ער ניט שייך דערצו[91].

וכמבואר בכ"מ[92] אז דאס וואס עס קומט צו אין ענינים בלתי רצויים איז עס מצד דעם וואס "נורא עלילה על בני אדם"[93], דער אויבערשטער שטעלט צו א אידן א נסיון,

ווארום דורכדעם איז דא תענוג למעלה, ווי דער משל וואס דער אלטער רבי ברענגט בקיצור[94] און דער מיטלער רבי ברענגט פון דעם ענין פון קניגי, וואס שרים זיינען זיך מתענג פון די מלחמות החיות, וואס עד"ז שטייט[95] אז הקב"ה עושה קניגי לצדיקים לעתיד לבא, וואס בכללות איז דאס דער ענין המלחמה מיטן יצר הרע.

ועד"ז טייטשט דער אריז"ל דעם פסוק "כי יהי' באיש חטא משפט מות וגו'" - אז דאס וואס עס קומט צו א אידן די מציאות פון אן ענין בלתי רצוי - "ותלית אותו על עץ", איז דאס נאר צוליב דעם נסיון וואס דער אויבערשטער האט צוגעשטעלט מיטן עץ הדעת.

כד. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין פארוואס דער אריז"ל איז משנה פון לשון הגמרא און זאגט דעם פסוק "כי יהי' גו' ותלית אותו על <u>עץ</u>" און ניט "מתו בעטיו של <u>נחש</u>":

מ'קען נאר זאגן אז א אידן קומט צו ענינים בלתי רצויים דורך דעם וואס דער <u>אויבערשטער</u> שטעלט אים צו א נסיון בדוגמת דעם עץ הדעת-אבער זאגן אז דאס קומט דורכן <u>נחש</u> - וואס פאר א שייכות האט א איד מיטן נחש?! א איד האט ניט קיין שום שייכות מיטן נחש!

- דער -

---

89) בראשית ב, ט. 90) שם, יז. 91) רמב"ם הל' גירושין ספ"ב. 92) ראה ד"ה ויתן לך תקס"ב (סה"מ תקס"ב ע' צה ואילך שם ע' צט ואילך). תו"ח תולדות ד"ה ויתן לך פ"י ואילך (יב, ד ואילך). שעה"ת לאדהמ"צ ח"א כ, ד ואילך. ועוד. 93) תהלים סו, ה. 94) מקומות שנסמנו בהערה 92. 95) ויק"ר פי"ג, ג.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 245) 116115 הודפס מאוצר החכמה

דער נחש איז ניט מער ווי א "שמש"! וואס דאס איז ניט קיין פשט'ל און דרוש, אזוי שטייט אין גמרא[96] אז דער נחש איז א "שמש" צו למעלה, ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו אידן וואס "אתם קרויים אדם"[97] על שם אדמה לעליון[98], אז דער נחש לגבי אים איז ניט מער ווי א "שמש",

און אפילו ווי דער נחש איז געווען דעמולט, וואס ער איז געווען אין ג"ע, און ער האט געהאט מורא'דיקע כחות - אעפ"כ איז ער לגבי א אידן מערניט ווי א "שמש".

והגם אז אויף אזא מעמד ומצב ווי ער איז געווען דעמולט זאגט מען אז דער נחש איז "שמש גדול" - איז ער אבער פארט נאר א "שמש"!

איז ווי קען מען זאגן אז דאס וואס א איד האט א שייכות צו ענינים בלתי רצויים איז דאס דורכן נחש - בשעת דער נחש איז בלויז א "שמש"?!

דערפאר זאגט דער אריז"ל דוקא דעם פסוק "ותלית אותו על עץ" - אז דאס וואס עס קומט צו א אידן ענינים בלתי רצויים קען מען תולה זיין נאר אויפן עץ, אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט צוגעשטעלט אדם'ען דעם עץ הדעת.

כה. די כוונה דערביי וואס דער אויבערשטער האט צוגעשטעלט דעם עץ הדעת איז כמובן, ניט אז דער אדם זאל דערפון עסן, נאר - אז ער זאל זיך מתגבר זיין און דערפון ניט עסן.

ועד"ז איז אויך אין שאר נסיונות וואס דער אויבערשטער שטעלט צו א מענטשן.

און דורך דעם וואס ער איז זיך מתגבר - קומט ער צו צו אן עילוי נעלה יותר לגבי ווי ער איז געווען פריער, ובדוגמת דעם עילוי פון תשובה, וואס "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה".

און אויך דאס איז מרומז אין דעם פסוק "כי יהי' באיש חטא משפט מות וגו'" - דורך דעם וואס ער איז זיך מתגבר אויף דעם נסיון וואס איז אים צוגעשטעלט געווארן, וואס איז פארבונדן מיטן עץ הדעת - קומט ער צו צו אן עילוי נעלה יותר בא וועלכן ער ווערט אנגערופן "מת",

ווי דער פירוש פון חסידות[99] און ספרי מוסר אין דעם מאמר רז"ל[100] "כאילו מת ועבר ובטל מן העולם" - אז ער איז העכער פון עולם: ער איז מאריך ימים אלס א נשמה בגוף

- באריכות -

---

96) סנהדרין נט, ב. 97) יבמות סא, רע"א. 98) ספר עשרה מאמרות מאמר אכ"ח ח"ב סל"ג. של"ה כ, ב. שא, ב. 99) ראה לקו"ש ח"א ע' 26. ח"ה ע' 87. 307. 100) אבות ספ"ה.

הנחת הת' בלתי מוגה



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 246) 116115 הודפס מאוצר החכמה

באריכות ימים ושנים טובים - אבער ער איז לגמרי העכער פאר עולם.

כו. דער פירוש אין "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם" אז ער איז לגמרי העכער פון וועלט - איז אויך דער ביאור המוכרח אין נגלה, ווארום אויב ניט איז די משנה ניט פארשטאנדיק:

די משנה רעכנט אויס אלע שלבים פון חיי האדם - איז פארוואס שטעלט זיך אפ די משנה בא "בן מאה", א מענטש לעבט דאך "מאה ועשרים שנה"[101] - האט די משנה געדארפט זאגן "בן מאה ועשר" וכו'?

און א מענטש האלט שטענדיק אין עולה זיין ווי ס'שטייט[102] "אין להם מנוחה", ועאכו"כ אז ער האט עליות יעדער צען יאר (ע"ד ווי די משנה" רעכנט אויס פריער די עליות וואס זיינען דא אלע צען יאר) - איז פארוואס רעכנט ניט אויס די משנה די עליות וואס קומען פאר נאך "בן מאה"?

און מ'קען ניט זאגן אז די משנה על הרוב תדבר, וואס רוב מענטשן לעבן ניט אזויפיל - ווארום אויב אזוי האט די משנה געדארפט אויסרעכענען נאר ביז שבעים שנה, אדער שמונים שנה, ווי עס שטייט[103] "ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה" (וואס דעמולט איז "כיון[104] דאיפליג איפליג" און ער איז פארזיכערט ביז תשעים שנה, און דערנאך ביז מאה שנה)?

מוז מען זאגן, אז דאס וואס די משנה רעכנט ניט ווייטער ווי מאה ווייל דער פירוש אין דער משנה "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם" איז אז, ער איז העכער פאר עולם, ובמילא - הויבט זיך דעמולט אן א נייער סדר פון עליות;

זיכער איז אויך אויף דעם דא א הוראה אין תורה - אבער מ'דארף עס זוכן אין אן אנדער ארט; אהערצו איז דאס ניט שייך, ווארום דא אין דער משנה רעדט זיך וועגן די עליות בשעת ער איז שייך צו עולם, און לאחר מאה שנה האט ער שוין די שלימות פון עולם און ער גייט ארויס העכער פון עולם.

ובנוגע לעניננו - דורך דעם וואס ער איז זיך מתגבר אויף דעם נסיון פארבונדן מיטן עץ הדעת - קומט ער צו צו דעם עילוי וואס ווערט אנגערופן "מות".

כז. די הוראה מכל זה ובשייכות מיט בין המצרים:

יעדער איד איז בעצם "מעשה ידי" פון דעם אויבערשטן,

- ובמילא -

101) בראשית ו, ג. 102) ברכות ומו"ק בסופן.
103) תהלים צ, י. 104) גיטין כח, א. וש"נ.



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 247) 116115 הודפס מאוצר החכמה

ובמילא - "כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב"[105], וואס דאס גייט אויף יעדן אידן, און אפילו אזא איד ווי ירבעם בן נבט - איז נאך דעם ווי ער קומט אפ דעם עונש ויסורים כו' ווערט אויך ביי אים צוריק נתגלה אז ער איז "מעשה ידי" פון דעם אויבערשטן[106].

און דאס קען יעדער איד פארשטיין, און ווי דער אלטער רבי זאגט אין תורה אור[107] - א מאדנע זאך - אז היינט זיינען ניטא אזוינע ע"ה כו' ווי אמאל,

[ו]ואס דער טעם לזה איז - אזוי ווי ס'איז נתמעט געווארן אין קדושה - אזוי איז אויך בתמעט געווארן אין צד ההפכי.

ווי די גמרא[108] דערציילט, אז ר' יהושע פלעגט פארענטפערן די שאלות פון די צדוקים, איז בשעת ר' יהושע האט געהאלטן באַנסחלק ווערן האט מען ביי אים געפרעגט: ווער וועט איצטער פארענטפערן די שאלות?

האט ער געענטפערט, אז פונקט אזוי ווי עס ווערט נתמעט אין קדושה ווערט נתמעט אין צד ההפכי, און וויבאלד אז ער וועט פעלן - וועט מער ניט זיין ווער זאל פרעגן אזוינע שאלות וואס נאר ער קען ענטפערן, כמ"ש[109] "אבדה עצה מבנים נסרחה חכמתם" - ווארום "איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[109*],

ובמילא, וויבאלד אז א איד איז בעצם "מעשה ידי" של הקב"ה, איז בשעת "כי יהי' באיש חטא משפט מות", עס טרעפט זיך אן ענין בלתי רצוי וואס איז בבחי' ביי א אידן, בשעת א איד געפינט זיך אין גלות, און געפינט זיך אין בין המצרים - דארף ער וויסן אז דאס איז ניט זיין ארט! גלות און בין המצרים איז ניט דער ארט פון א אידן!

כח. המבואר לעיל, אז די כוונה וואס דער אויבערשטער שטעלט צו נסיונות בדוגמת ענין עץ הדעת בכדי א איד זאל זיך אויף זיי מתגבר זיין - איז נאך ניט שלימות העבודה; שלימות העבודה איז - בשעת ער נוצט אויס דעם ענין אין קדושה,

ווי עס שטייט אין מדרש[110], אז אדם הראשון האט זיך געדארפט איינהאלטן פון עסן פון עץ הדעת מעדניט ווי דריי שעה, בדוגמת ג' שני ערלה[111], און דערנאך האט ער געדארפט מקדש זיין על היין פון אשכול ענבים.פון דעם עץ הדעת[112].

- והביאור -

105) סנהדרין ר"פ חלק (צ, א (במשנה)). 106) ראה תשובות וביאורים סי' ח ס"ד ובהערה 5 שם. לקו"ש מסעי תשל"ו הערה 71 ובשוה"ג שם. וראה לקו"ש חי"ז ע' 346 ובהערה 28 שם. 107) 107) ראה תו"א מקץ מא, א. 108) חגיגה ה, ב. וראה בכורות ח, ב. 109) ירמי' מט, ז. *109) שמו"ר רפכ"ט. במדב"ר פי"ב, ג. תנחומא נשא יא. 110) ב"ר פכ"א, ז. 111) קדושים יט, כג. 112) ש"ך על התורה עה"פ והנחש הי' ערום.



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 248) 116115 הודפס מאוצר החכמה

והביאור בזה:

תחילת העבודה הויבט זיך אן פון פרישות, וכמדובר לעיל[113] וואס עס רעדט זיך אין חסידות[114] אין דעם ענין פון נדרים, וואס "נדרים סייג לפרישות"[114*] אז דאס איז וואס ער נעמט אן אויף זיך א הוספה אין "קדש עצמך במותר לך"[115] בכדי צו פארזיכערן אז עס זאל ניט פעלן אדער ניט אפגעשוואכט ווערן פון זיין אידעלקייט כו׳, אז ער זאל שטיין אין א מצב פון קדושה (וואס איז פארבונדן מיט פרישות)[116].

דאס איז אבער נאר תחילת העבודה, בשעת ער זעט אז אט-די זאך האט א מעגלעכקייט צו אראפנעמען פון זיין אידלקייט - אבער זאגן אז שלימות העבודה איז שולל זיין - קען מען ניט, ווארום שלילה איז געווען אויך פאר בריאת העולם; פאר בריאת העולם איז ניט געווען קיין עץ הדעת און ס׳איז געווען לגמרי שלילה פון הנאה האבן פון עץ הדעת -

נאר די שלימות העבודה איז - חיוב, מעלה זיין אלע עניני העולם,

און דאס איז די שלימות העבודה אין דעם ענין פון עץ הדעת.

כט. כל המדובר לעיל איז די הוראה וואס מ׳דארף ארויסנעמען פון דער תורה אויף דעם פסוק "כי יהי׳ באיש חטא משפט מות ותלית אותו על העץ", וואס דער אריז"ל האט מגלה געווען בשעת ער האט מספיד געווען דעם רמ"ק, און כמובן אז וואס ער האט אים דעמולט מספיד געווען איז שייך צו "כל עמל כו׳ שעמלה נפשו[117]" פון דעם רמ"ק,

און דאס איז שייך צו "כל עמל כו׳ שעמלה נפשו" פון יעדערן, ווארום ס׳איז "מצוה לגלות זאת החכמה", און אין יענעם זמן איז דער אריז"ל געווארן דער משפיע און מנהיג און מורה דרך אויף אלע דורות, און דורך אים איז נמשך געווארן אויך ענינו פון דעם רמ"ק, דאס איז וואס תוהו ווערט נמשך אין תיקון,

און דורך הפצת המעינות חוצה ווערט דאס נמשך צו יעדערן, אויך צו די וואס געפינען זיך אין "חוצה", וואס ס׳איז ניט קיין חידוש אז אין חוצה קענען אנקומען די מעינות,

- ווארום -

---

113) שיחת שבעה עשר בתמוז ס"ח ואילך. 114) ראה סה"מ עטר"ת ע׳ תקמב ואילך. *114) אבות פ"ג מי"ג. 115) יבמות כ, א. ספרי ראה יד, כא (פיסקא קד). וראה תניא פ"ל (ל"ט, א). 116) ראה בכ"ז לקו"ש ח"ד ע׳ 1076 ואילך. חי"ג ע׳ 107 ואילך. 117) אגה"ק סכ"ח (קמח, א).

הנחת הת׳ בלתי מוגה



שיחות קודש - תשמ״א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 249) 116115 הודפס מאוצר החכמה

ווארום וויבאלד אז יעדערער איז בעצם "מעשי ידי להתפאר", און ביי אים איז ניט שייך קיין ענינים בלתי רצויים - דארף מען מיט אים לערנען די מעינות,

און דאס איז דער חלק בעולם פון דעם וואס לערנט מיט אים; דערמיט איז "נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית",

ובפרט נאך דעם שטורעם פון כ"ק מו"ח אדמו"ר אויף איבערזייטשן די מעינות אין שפות אחרות, אז אויך איינער וואס פארשטייט ניט לשון הקודש, און אפילו ניט קיין אידיש, איז זייענדיק נאך אין דעם מצב איידער ער קען לה"ק און אידיש - זאלן צו אים אנקומען די מעינות,

וואס אין רוחניות מיינט דאס: איינער וואס איז ניט שייך צו לה"ק - ביי אים איז ניט בגלוי דער ענין פון קודש, פון "גוי קדוש"[118], און ניט שייך צו אידיש - צו אידישקייט, ביי אים איז אפילו ניט בגלוי דער ענין פון "שם ישראל יכונה"[119], וואס ע"פ דין בנוגע צו שטרות איז א נאמען אויף אידיש א כינוי, מ'דארף אויף דעם שרייבן "המכונה"[120] -

און אעפ"כ זאלן אויך צו אים אנקומען די מעינות,

אפילו פאר דעם וואס ער קען דעם אל"ף-בי"ת, אפילו פאר דעם וואס ער קען דעם אל"ף-בי"ת פון אידישקייט - זאל מען אים שוין צוברענגען די מעינות, איצטער דארף זיין "חטוף ואכול חטוף ואשתי",

וכידוע דער ביוור פון כ"ק (מהורש"ב) נ"ע וואס כ"ק מו"ח האט געהייסן אפדרוקן בהקדמה לקונטרס ומעין[121] אז איצטער איז א זמן פון חטוף ואכול חטוף ואשתי"[122]; עס מאכט זיך עפעס אונטער'ן האנט -"חטוף ואכול חטוף ואשתי".

ל. עס זיינען דא אזעלכע וואס טענה'ן[123]: מ'איז דאך פון "עם חכם ונבון"[124] - דארף מען גיין מן הקל אל הכבד, ווי ער זאגט אויך אין הלכות תלמוד תורה, אז פריער איז דא א זמן וואס מ'לערנט מיט אים אל"ף-בי"ת, און דערנאך א זמן וואס מ'לערנט מיט אים מקרא, און דערנאך משנה דערנאך גמרא און דערנאך איז דער זמן אויף לערנען מיט אים מעינות,

אבער ניט אז גלייך בתחילת הענין, בשעת ער איז נאך ניט שייך

- דערצו -

---

118) יתרו יט, ו. 119) ל' כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ במכתבו - נדפס בסה"מ תרפ"ח ע' קמו. תש"ח ע' 263.
120) ראה שו"ע אה"ע סקכ"ט סט"ז. 121) קונטרס ומעין ע' 22. וראה לקו"ש ח"א ע' 87. 122) עירובין נד, א. 123) ראה לקו"ש עקב תש"מ. 124) ואתחנן ד, ו.



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 250) 116115 הודפס מאוצר החכמה

דערצו, זאל מען מיט אים לערנען חסידות ובפרט מעינות?!

זאגט מען אים: אזוי איז דער סדר זמנים כתיקונם, אבער איצטער איז א צייט וואס עס דארף זיין חטוף ואכול חטוף ושתי; גייסט אויף מבצעים און טרעפסט א אידן אין גאס, קענסט אים אריינרוקן אן ענין פון מעינות - די ערשטע זאך טו גלייך אפ.

לא. וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק אז די הוראה פון תורת האריז"ל באם הספד אויפן רמ"ק איז שייך צו יעדערן: בשעת א איד געפינט זיך אין גלות, - און אין בין המצרים -

יעדער איד איז פון ממלכת כהנים וגוי קדוש, ער איז בדוגמא פון א כהן, און נאכמער, ווי דער פירוש הידוע[125] אין דעם אז יעדער איד איז ווי א כהן גדול,

ובמילא איז זיין ארט אין ירושלים!

ווי דער רמב"ם[126] שרייבט אז א כהן גדול טאר ניט ארויסגיין פון ירושלים (וואס מ'זוכט וואו איז דער מקור לזה[127]) דארף ער וויסן אז גלות און בין המצרים איז ניט זיין ארט!

אפילו אלס אן עיר מקלט אויך ניט!

יעדער איד איז בעצם "מעשה ידי להתפאר", און דערפאר איז "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", אפילו ירבעם בן נבט וואס "חטא והחטיא"[128],

איי ווי אזוי זעט מען אז ביי א אידן זיינען פארט דא ענינים בלתי רצויים - איז דאס נאר וואס עס זיינען דא ענינים וואס פארדעקן אויף זיין עצם מציאות, אבער זיין עצם מציאות איז "מעשה ידי להתפאר",

איי ווי קומט עס פארט אז זייענדיק "מעשה ידי להתפאר", אינגאנצן ניט שייך צו ענינים בלתי רצויים, זאלן ביי אים זיין ענינים בלתי רצויים -

אויף דעם זאגט מען "ותלית אותו על העץ", דאס איז נאר וואס דער אויבערשטער האט צוגעשטעלט דעם מענטשן א נסיון וכמובן אז אויך דער עצם האבן צוטאן מיטן עץ איז שוין א ירידה פון צוויי סוגים נידעריקער פון מים, פון סוג הצומח,

- און -

---

125) בעה"ט עה"פ יתרו יט, ו. וראה אגדת בראשית פע"ס [פ]. 126) הל' כלי המקדש פ"ה ה"ז. 127) ראה צפע"נ השלמה כ, ד (הובא בצפע"נ לרמב"ם שם). 128) אבות פ"ה מי"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 251) 116115 הודפס מאוצר החכמה

און דאס האט דער אויבערשטער געמאכט צוליב ענין הקניגי, כמבואר לעיל.

לב. אבער די מטרה פון דעם נסיון איז כאמור אז דער מענטש זאל זיך מתגבר זיין, און ניט עסן פון עץ הדעת, ועד"ז בשאר נסיונות, דארף ביי אים זיין בדוגמת ענין הנדרים, ער דארף זיך פורש זיין,

און דערנאך, לאחר תחילת העבודה, דארף ער צוקומען צו מעלה זיין אויך די ענינים.

ווארום אע"פ אז בתחילת העבודה דארף טאקע זיין דער ענין הנדרים והסייגים - איז אבער דערנאך, כמבואר אין די דרושים דא א העכערער עבודה, שלימות העבודה וואס רער חכם איז עוקר את הנדר, וואס דעמולט ווערט די זאך א זאך וואס מ׳קען מעלה זיין, אז עס ווערט א דבר קדוש, עס ווערט אתהפכא, ביז צו שלימות העלי׳.

וואס דאס איז שלימות העבודה - ווארום די נשמה איז ניט אראפגעקומען למטה אויף שולל זיין; די נשמה איז אראפגעקומען למטה לברר ולזכך ולהעלות. עס דארף זאקע זיין די עבודה פון נדרים כו׳ אבער דערנאך דארף זיין דער ענין פון מעלה זיין.

איז בשעת א איד האט דברי הרשות, אדער ענינים בלתי רצויים - דארף טאקע פריער זיין דער "שמאל דוחה" אבער דאס איז נאר אויף א קורצע צייט, און דערנאך - דארף זיין דער "ימין מקרבת"[129]

ובדוגמת ווי ס׳איז געווען מיטן עץ הדעת אז מ׳האט געזאגט צו אדם הראשון: האלט זיך איין דריי שעה, און דערנאך וועסטו קענען מעלה זיין, אז בשעת עס וועט קומען שבת וועט ער אויף דעם מאכן קידוש.

און ווי ס׳איז פארשטאנדיק פון דעם וואס עס ווערט דערציילט ביי אדם הראשון אז די מטרה פון רעם עץ איז אויף אים מעלה זיין:

עס שטייט אין גמרא[129*] דער טעם פארוואס אדם הראשון איז באשאפן געווארן דער לעצטער פון אלע נבראים איז - בכדי עד זאל געפינען "הכל מוכן לסעודה",

איז ווי באלד אז אויך דער עץ איז באשאפן געווארן פריער - איז אויך דאס זיכער אויף אריינגענומען ווערן אין דער סעודה,

- וואס -

---

129) סוטה מז, א. *129) סנהדרין לח, א.



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 252) 116115 הודפס מאוצר החכמה

וואס דאס איז - אז ער וואלט אויף דעם מקדש געווען בשבת,

און מעלה זיין דעם עץ הדעת איז שלימות העבודה כנ"ל און דורכדעם קומט צו א מעלה בא דעם מענטשן - דער עץ הדעת גיט צו אין דעם מענטשן דעם ענין <u>הדעת</u>.

וואס כל זה איז ענינו פון דער תורת האריז"ל אין וועלכער ס'איז געקומען זיין "אנא נפשי כתבית יהבית".

לג. דער ביאור אין דעם וואס די שלימות פון מעלה זיין איז דוקא בשבת:

די פנימיות, דער עצם, פון יעדן אידן איז - ווי דער רמב"ם שרייבט, אז ער וויל טאן דעם אויבערשט'ם רצון, כמבואר לעיל אז יעדער איד איז "מעשה ידי" פון דעם אויבערשטן,

איז בשעת עס קומט שבת, וואס דעמולט איז דער גילוי פון אלע ענינים און דעמולט איז דער "ויכולו" מלשון שלימות

ווי אויך פארשטאנדיק דערפון וואס "מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת"[130], אז די כוונה פנימית פון דעם איז - "טרח" (בערב שבת) איז דער"יאכל" (בשבת) - און בשבת, בשעת ס'איז דער "<u>יאכל</u>", ווערט נתגלה די פנימיות הכוונה, און עס ווערט נתעלה דער "טרח" פון ערב שבת - ווערט דעמולט נתגלה די פנימיות פון אן אידן,

און דאס ווערט נתגלה ביז אין זיינע כחות, אין זיין דיבור וכו', ווי עס שטייט אין נגלה, אין ירושלמי[131], אז אן עם הארץ וואס איננו נאמן על הדמאי טאר מען מיט אים ניט עסן סיידן בשבת ווארום איננו משקר בשבת, וויבאלד אז זאגן שקר איז היפך התורה - איז בשעת עס קומט שבת ווערט נתגלה זיין פנימיות אז ער קען ניט משקר זיין בשבת,

און וויבאלד אז דעמולט ווערט נתגלה די פנימיות פון א אידן, און דעמולט איז דער "ויכולו מלשון שלימות - איז דעמולט עבודת האדם בשלימות, באופן אז ניט נאר איז ער זיך מתגבר אויף ענינים בלתי רצויים - נאר אז ער איז זיי מעלה.

לד. די הוראה בפשטות מכל זה:

בשעת א איד טראכט אז אים פעלט אין בני אדער אין חיי אדער אין מזוני רויחי, אדער נאכמער: עס פעלט אים טאקע אין דעם - קען ער ווערן בעצבות און מיואש -

- זאגט -

---

130) ע"ז ג, א. 131) דמאי פ"ד ה"א.



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 253) 116115 הודפס מאוצר החכמה

זאגט מען איס אז ער דארף וויסן זיין, אז אין אמת'ן איז דאס ניט אזוי, ווי דאס איז באמיתיות האט יעדער איד אלץ,

ובמילא דארף ער זיין בשמחה, וואס די תשובה פון שבת, תשובה עילאה, וואס דעמולט ווערט נתגלה פנימיות הענינים כנ"ל, איז פארבונדן מיט שמחה, ווי עס שטייט אין תניא[132] און אין אגה"ת[132*].

און בשעת ער איז בשמחה העלפט דאס בעבודותו כמדובר לעיל[133] דאס וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט מבאר געווען[133*] אין דעם וואס מ'זינגט א שיר של נצחון בשעת מ'גייט אויף מלחמה אז מ'איז בטוח אז עס וועט זיין "לא נפקד ממנו איש"[134] און "לא נפקד" פון קיין סוג אידן, אפילו פון די וואס זיינען נידעריקער פון צדיקים, און אפילו פון די וואס זיינען נידעריקער פון בינונים.

א איד דארף וויסן, אז באמיתיות האט ער אלץ, און ווי די משנה זאגט אז א אידן קומט "סעודת שלמה בשעתו"[134*], וואס דאס איז נאכמער ווי "חמשים איש רצים לפניו"[135] - דאס איז די סעודה פון שלמה!

איי וואס דערווייל פעלט - איז דאס דער חשבון פון דעם אויבערשטן, און ער דארף ניט טראכטן דעם חשבון, ווארום וועד ווייס צי ער וועט זיך דערטראכטן, און אפילו אז ער וועט דערטראכטן - ווער ווייס צי ער וועט צוקומען צום ריכטיקן סך הכל, און אפילו אז ער וועט צוקומען צום ריכטיקן סך הכל - ווער ווייס צי ער וועט דאס פאלגן;

זאל ער טראכטן וואס ער דארף טאן, וואס אין דעם וועט ער צוקומען צום סך הכל, און אין דעם איז רשות לכל אדם נתונה"[135*] ער זאל פאלגן.

און איי ס'פעלט איס די "חמשים איש רצים לפניו" - איז כסיפור פון דעם אלטן רבי'ן[136] וואס ער האט איינעם געזאגט: "הער אויף טראכטן וואס מ'דארף טאן פאר דיר און טראכט וואס דו דארפסט טאן".

און דערנאך איז דער איד געווארן א גביר, א גביר פשוט בגשמיות (כ"ק אדמו"ר שליט"א חייך ואמר:) מסתמא איז דאס אויך נוגע צו וויסן.

לה. איז בשעת א איד טענה'ט אז איס פעלט אין בני חיי אדער - מזוני -

---

132) פל"א (לט, ב ואילך). *132) פי"א(צט, ב ואילך).
133) שיחת ש"פ פינחס ס"ל ואילך. *133)ראה סה"ש תש"ה ע' 59.
134) פרשתנו לא, מט. *134) ב"מ פג, א. 135) ש"ב טו, א.
מ"א א, ה. *135) רמב"ם הל' תשובה רפ"ה. 136) ראה היום יום ה' תמוז (סח).



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 254) 116115 הודפס מאוצר החכמה

מזוני - זאל ער ניט זיין אין עצבות, ועאכו"כ ניט אין יאוש, אויב עפעס - איז מרירות, און אויך דאס, אין אן אופן אז דערנאך קומט ארויס שמחה, ווי ער זאגט אין תניא*[136],

וואס דאס איז בדוגמת ווי הנאה האבן און מעלה זיין דעם עץ הדעת (דורך קידוש בשבת), וואס דער עץ הדעת איז געווען א ווייינבוים, ווי עס שטייט אז "סחטה ענבים ונתנה לו"[137] "משמח אלקים ואנשים"[138].

און זיין טענה אז אים פעלט ובמילא איז ער בעצבות - איז דאס א חשבון פאר א גוי, אבער א איד? - ס'איז דאך "עוז וחדוה במקומו", און וויבאלד אז ער האט א חלק אלוקה ממעל ממש" איז אויך ער איז בהיכל המלך, ובמילא דארף אויך ביי אים זיין "עוז וחדוה"[139].

דער עיקר איז - אז מ'זאל אויפהערן זיין פארכמורעט, ובמילא - אויפהערן זיין פארקוועטשט; עס זאל זיין "אתהלכה ברחבה"[140],

און טאמער ס'איז דא עפעס אן ענין צו וועלכן ער איז זיך מתאווה - האלט זיך איין "א פאר שעה" און דערנאך וועסטו דאס קענען מעלה זיין.

און די הנהגה ווערט די כלי צו דעם אז עס וועט זיין "לששון ולשמחה וגו'"[141],

במהרה בימינו ממש.

*                    *                    *

לו. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה ומקנה רב גו'

*                    *                    *

לז. בנוגע צו א פסוק מיט פירוש רש"י - וועט מען זיך אפשטעלן אויף דעם פסוק אין קאפיטל לא פסוק יא.

וואס דארטן שטייט וועגן די אנשי מלחמה פון מלחמת מדין אז "ויקחו את כל השלל ואת כל המלקוח באדם ובבהמה", און דערנאך[142] "ויביאו אל משה ואל אלעזר הכהן וגו'".

שטעלט זיך רש"י אויף דעם פסוק (אויף "ויקחו את כל השלל וגו'") און זאגט: "מגיד (ד.ה. אז דער פסוק קומט עפעס

- זאגן -

---

*136) פל"א (לט, ב ואילך). 137) ב"ר פי"ט, ה. זח"א לו, סע"א. 138) שופטים ט, יג. 139) דה"א טז, כז. 140) תהלים קיט, מה. 141) זכרי' ח, יט. 142) פסוק יב.

הנחת הת' בלתי מוגה



שיחות קודש - תשמ"א ד / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 255) 116115 הודפס מאוצר החכמה